# LESSON 13

## דרײַצנטע לעקציע

# דער זיידע דערציילט

„זיידע, דו האָסט אַ ביסל צײַט?"

„יאָ, משה, וואָס איז?"

„דערצייל מיר, ווי דו ביסט געקומען קיין אַמעריקע."

„גוט, משה. וואָס ווילסטו וויסן?"

„איך וויל וויסן אַלץ. פֿריִער דערצייל מיר וועגן דער אַלטער היים. פֿון וואָסער שטאָט קומסטו?"

„איך בין אויסגעוואַקסן אין זשיטאָמיר, אין רוסלאַנד. דאָרטן בין איך געגאַנגען אין חדר."

„וואָס איז אַ חדר, זיידע?"

„אַ חדר איז אַ טראַדיציאָנעלע שול, ווו מען לערנט חומש מיט רש״י, גמרא און אַלץ וואָס אַ ייִנגל דאַרף וויסן צו זײַן אַ פֿרומער ייִד. דער חדר איז געווען בײַם רבין אין דער היים. דער רבי איז געווען זייער אַן אָרעמער און זײַן הויז זייער אַ קליינס. האָבן מיר אַלע געלערנט אַרום אַ קליינעם טיש. אין חדר בין איך געגאַנגען ביז איך בין געוואָרן בר־מיצווה. נאָך דעם איז מײַן טאַטע געשטאָרבן, און איך האָב געדאַרפֿט אָנהייבן צו אַרבעטן. אַן אײַנבינדער האָט מיך גענומען צו זיך, און איך בין געוואָרן אַ לערנייִנגל בײַ אים."

„און פֿאַר וואָס ביסטו אַוועקגעפֿאָרן פֿון זשיטאָמיר?"

„אין רוסלאַנד איז געקומען זייער אַ שלעכטע צײַט. מען האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף ייִדן, און די אָרעמקייט איז געווען אַ גרויסע. מײַן ברודער איז שוין דעמאָלט געווען אין אַמעריקע. וועגן אַמעריקע האָט מען דערציילט, אַז דאָרטן וואַלגערט זיך גאָלד אויף די גאַסן. מען האָט גערעדט וועגן שיכפּוצערס וואָס האָבן זיך אַרויפֿגעאַרבעט און זײַנען געוואָרן מיליאָנערן. האָב איך באַשלאָסן אַוועקצופֿאָרן צו מײַן ברודער."

„דו האָסט באַלד געקראָגן אַ וויזע?"

„דעמאָלט האָט מען נאָך ניט געדאַרפֿט האָבן קיין וויזעס צו פֿאָרן קיין אַמעריקע. מײַן ברודער האָט מיר געשיקט אַ שיפֿסקאַרטע און געשריבן, איך זאָל קומען."

„ביסטו אַוועקגעפֿאָרן?"

„יאָ. מיר האָבן געגנבֿעט דעם גרענעץ קיין עסטרײַך, און נאָך דעם זײַנען מיר געפֿאָרן מיט דער באַן קיין ווין. אין אַלע גרויסע שטעט אין אייראָפּע זײַנען דעמאָלט געווען קאָמיטעטן וואָס האָבן געהאָלפֿן די עמיגראַנטן. מען האָט אונדז געהאָלפֿן קומען ביז האַמבורג, און דאָרטן זײַנען מיר אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער שיף."

„ווי אַזוי האָסטו זיך באַקענט מיט דער באָבע רבֿקה?"

„זי איז געווען מײַן שיפֿשוועסטער. מיט אונדז אויף דער שיף איז געווען נאָר איין מיידל, זייער אַ שיינס. זי איז געפֿאָרן פֿון אַ שטעטל לעבן וואַרשע צום טאַטן אין אַמעריקע. מיר האָבן זיך באַקענט אויף דער שיף, און דאָ אין לאַנד האָבן מיר חתונה געהאַט."

„וווּ האָסטו געפֿונען דײַן ברודער?"

„דער ברודער האָט אויף מיר געוואַרט בײַ דער שיף. דו פֿאַרשטייסט שוין אַליין, אַז ער איז ניט געווען איינער פֿון די מיליאָנערן. ער האָט געאַרבעט ווי אַ שנײַדער אין אַ שוויצשאָפּ אין וויליאַמסבורג. האָב איך אויך אָנגעהויבן אַרבעטן. נאָך דעם בין איך געוואָרן אַ פּעדלער און בין אַרומגעגאַנגען פֿון הויז צו הויז. איך האָב פֿאַרקויפֿט זאָקן, קעמלעך, נאָדלען. ווען איך האָב פֿאַרדינט אַ ביסל געלט, האָב איך געקויפֿט אַ קראָם. פֿון דעמאָלט אָן איז דאָס לעבן שוין ניט געווען אַזאַ שווערס."

## VOCABULARY

- • אַוועק׳ | פֿאָרן (איז אַוועק׳געפֿאָרן) to leave (by vehicle)
- אויס׳ | וואַקסן (איז אויס׳געוואַקסן) to grow up
- אונדזער our
- דער אײַ׳נבינדער bookbinder
- איינער one
- אָן ← פֿון...אָן
- • אַרויפֿ׳ | אַרבעטן זיך to get ahead, to work one's way up
- • אַרויפֿ׳ | גיין (איז אַרויפֿ׳געגאַנגען) to board
- • אַרו׳ם around
- • אָרעם poor
- די אָ׳רעמקייט [O'REMKAYT] poverty
- • די באָבע (ס) grandmother
- באַן: • מיט דער באַן by train
- • באַקענען זיך (מיט) to become acquainted (with); to meet
- • בײַ at
- • בר־מיצווה [BARMITSVE] a boy's 13th birthday, when he comes of age, according to tradition
- • די גמרא [GMORE] Talmud
- גנבֿענען (געגנבֿעט) [GA'NVENEN—GEGANVET] to steal
- גנבֿענען דעם גרענעץ to steal across the border
- • דאָ אין לאַנד in this country
- האַמבורג Hamburg

היים: די אַלטע היים the old country
וואַ'לגערן זיך to lie around
• וואָס איז? what's the matter?
• וואַרטן (אויף) to wait (for)
• ווי as
די וויזע (ס) visa
וויליאַמסבורג Williamsburg (a poor section of Brooklyn, N. Y.)
ווין Vienna
דער זאָק (ן) stocking, sock
זשיטאָמיר Zhitomir (Russia)
• דער חדר (ים) [KHEYDER—KHADORIM] traditional elementary school
• דער חומש Pentateuch [KHUMESH]
חתונה געהאַ'ט [KHA'SENE] married
• דער טיש (ן) table
טראַדיציאָנע'ל traditional
• דאָס לעבן life
דאָס לע'רניי:נגל (עך) apprentice
• דאָס מיידל (עך) girl
מײַן my
דער מיליאָנע'ר (ן) millionaire
די נאָדל (ען) needle
• נעמען (גענומען) בײַ take (from)
דער עמיגראַ'נט (ן) emigrant
עסטרײַך Austria
• דער פּאָגראָ'ם (ען) pogrom
• דער פּעדלער (ס) peddler
• פֿאַרדינען to earn
• פֿון ... אָן from ... on
• פֿרום pious
• פֿרי:ער first (*adverb*)
דער קאָמיטע'ט (ן) committee
דאָס קעמל (עך) comb
• די קראָם (ען) shop, store
• דער רבי (*acc.-dat.* רבין) [REBE—REBN] teacher in a *kheyder*
• רבֿקה [RIVKE] *woman's name (Yiddish equivalent of* Rebecca)
רשי [RASHE] Rashi, the most widely studied commentary on the Torah, so called after the name of its author (*see lesson 19*)
דער שוויצשאָפּ (שווי'צשעפּער) sweatshop
• דאָס שטעטל (עך) town
דער שי'כפּוצער (ס) bootblack
• די שיף (ן) ship
די שי'פֿסקאַרטע ship ticket
די שי'פֿשוועסטער fellow passenger (female)
• דער שנײַדער (ס) tailor

NOTE: The suffixes —KAYT (cf. אָרעמקייט) and —HAYT are always spelled קייט— and הייט—, respectively.

## QUESTIONS

1. ווו איז משהס זיידע אויסגעוואַקסן? 2. ווו האָט ער זיך געלערנט? 3. וואָס איז אַ חדר? 4. ווו איז געווען דער חדר? 5. ביז ווען איז דער זיידע געגאַנגען אין חדר? 6. וואָס האָט ער געטאָן, ווען זײַן טאַטע איז געשטאָרבן? 7. פֿאַר וואָס איז ער נאָך דעם אַוועקגעפֿאָרן פֿון רוסלאַנד? 8. וואָס האָט מען דערציילט וועגן אַמעריקע? 9. וועמען האָט דער זיידע געהאַט אין אַמעריקע? 10. צי האָט ער געקראָגן אַ וויזע? 11. וואָס זײַנען

געווען די „קאַמיטעטן“? 12. ווּ איז ער אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער שיף? 13. צי איז די באָבע רבֿקה פֿון דער זעלביקער שטאָט ווי דער זיידע? 14. ווּ האָבן זיי זיך באַקענט? 15. ווּ האָבן זיי חתונה געהאַט? 16. וואָס האָט געטאָן דער ברודער? 17. וואָס האָט דער זיידע געטאָן, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע? 18. וואָס האָט ער נאָך דעם געטאָן? 19. ווען איז דאָס לעבן געוואָרן ניט אַזוי שווער?

## GRAMMAR

### 1. Idiomatic Verbs with זיך

| | |
|---|---|
| די קינדער **שפּילן זיך** | The children are playing |
| די אימיגראַנטן האָבן **זיך אַרויפֿגעאַרבעט** | The immigrants worked their way up |
| די מיידלעך האָבן **זיך באַקענט** | The girls became acquainted |
| מיר **לערנען זיך** ייִדיש | We are studying Yiddish |

A number of idiomatic verbs are accompanied by **זיך**. If a word is listed as a **זיך** verb in the vocabulary, it must be used as such in all tenses. Thus the infinitive **באַקענען זיך** implies:

the present tense: **איך באַקען זיך, דו באַקענסט זיך, ...**;
the imperative: **באַקען זיך, באַקענט זיך**;
the past tense: **איך האָב זיך באַקענט, דו האָסט זיך באַקענט...**.

**זיך** is a sentence unit and is treated as a direct-object pronoun.

**לערנען זיך** *to study* is usually a verb of this group, although in the phrases **לערנען חומש, לערנען גמרא** *to study the Torah, the Talmud,* the pronoun is omitted.

### 2. Consecutive Word Order

| | |
|---|---|
| איך האָב ניט געהאַט קיין געלט, האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן | I had no money, *so* I began to work |
| מײַן טאַטע איז געשטאָרבן, בין איך אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע | My father died, *so* I left for America |

The second clause in each of the above examples uses the *consecutive word order*. In the consecutive word order, the inflected verb is the first sentence unit. The use of this word order implies the words "so," "therefore." Note the distinction:

| | |
|---|---|
| איך האָב געוואַרט אויף אים | I waited for him |
| האָב איך געוואַרט אויף אים | So I waited for him |
| דו ביסט געקומען? צי ביסטו געקומען? | Did you come? |
| ביסטו געקומען? | So you came? |

Wherever עס is used as the *impersonal* or *expletive* subject of a sentence, it is dropped in the consecutive order:

| | |
|---|---|
| עס איז זייער וואַרעם | It is very warm |
| די זון שײַנט, איז זייער וואַרעם | The sun shines, so it is warm |
| עס גייען מענטשן | People are walking |
| הײַנט איז יום־טובֿ, גייען מענטשן | Today is a holiday, so people are walking |

But where עס functions as the *logical* subject, i.e. where it refers to an antecedent neuter noun, it is retained in the consecutive order:

| | |
|---|---|
| עס איז זייער שווער | It is very difficult |
| דאָס בוך איז אַלט, איז עס זייער שווער | The book is old, so it is very difficult |

Since the imperative as a rule is the first unit in the sentence, the conjunction **טאָ** is used with the imperative when the meaning of "so" is implied:

| | |
|---|---|
| גיב מיר דאָס בוך | Give me the book |
| **טאָ** גיב מיר דאָס בוך | So give me the book |

Similarly:

| | |
|---|---|
| לאָמיר זיך באַקענען | Let us become acquainted |
| **טאָ** לאָמיר זיך באַקענען | So let us become acquainted |
| ווער איז געקומען? | Who came? |
| **טאָ** ווער איז געקומען? | So who came? |

**3. Adjectives in the Predicate**

דער מענטש איז **אַלט** = דער מענטש איז **אַן אַלטער**

די פֿרוי איז **אַלט** = די פֿרוי איז **אַן אַלטע**

In the predicate, adjectives are either *without an ending* (i.e. in their base form), or they are preceded by the indefinite article and have *the usual nominative endings,* namely masculine **ער—** and feminine **ע—**. But a *neuter adjective* in the predicate, when used with the indefinite article, has the ending **ס—**:

דאָס פֿאָלק איז אַלט = דאָס פֿאָלק איז אַן אַלטס

If the base of the adjective ends in **ס—**, a second **ס** is not added:

דאָס לאַנד איז גרויס = דאָס לאַנד איז אַ גרויס

In the plural of all genders, the predicate adjective is either without an ending, or has the usual plural ending **ע—**:

די מענטשן זײַנען אַלט = די מענטשן זײַנען אַלטע

די פֿרויען זײַנען אַלט = די פֿרויען זײַנען אַלטע

די פֿעלקער זײַנען אַלט = די פֿעלקער זײַנען אַלטע

### 4. *Hot* and *Cold*

עס איז וואַרעם; עס איז קאַלט It is warm; it is cold

This type of general statement is made in Yiddish, as in English, in the form of an impersonal sentence. But:

(1) עס איז מיר קאַלט I am cold

(2) מיר איז קאַלט I am cold

(3) דעם קינד איז קאַלט The child is cold

In order to express in Yiddish the fact that someone *feels* cold or warm, an impersonal construction is used, with the person experiencing the feeling designated by the indirect object. Most frequently, in sentences of this type, the indirect object comes first in the sentence, as in examples (2) and (3). עס is then omitted.

דער צימער איז וואַרעם This room is warm (*Subject*)

אונדז איז וואַרעם We are (=feel) warm (*Indirect object*)

The same construction is used to express other states:

מיר איז גוט I feel good; I am well off

מיר איז פֿריילעך I feel gay

This construction is discussed further on p. 271.

## EXERCISES

A. Conjugate in the present and past tenses and imperative:

1. לערנען זיך ייִדיש 2. באַקענען זיך מיט רבֿקהן 3. אַרויפֿאַרבעטן זיך.

B. Make complete sentences out of each pair of clauses; put the second clause of each pair into the consecutive word order.

1. (ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל גיין מיט מיר)+(איך וואַרט אויף אים).
2. (דער טאַטע איז דעמאָלט געווען זייער אָרעם)+(ער איז געוואָרן אַ
שנײַדער). 3. (איך בין דאָ קיין מאָל ניט געווען)+(איך ווייס ניט, וואָס
מען דאַרף טאָן). 4. (די ייִנגלעך זײַנען געוואָרן זייער פֿריילעך)+(זיי
האָבן אָנגעהויבן צו זינגען). 5. (ער איז אַ גוטער חבֿר)+(ער קומט צו
אונדז אָפֿט צו גאַסט). 6. (ער האָט שוין אַ ביסל געלט)+(ער וויל קויפֿן
אַ קראָם). 7. (מיר האָבן שוין אַלץ געזען)+(לאָמיר גיין אַהיים). 8. (איר
האָט געגעבן דעם קינד גוטע זאַכן)+(עס לאַכט). 9. (דו האָסט דאָך

צײַט)+(פֿאָר מיט דער שיף). 10. (נעכטן איז געגאַנגען אַ שניי)+(עס איז זייער קאַלט). 11. (ער האָט געבעטן)+(מיר האָבן אים געהאָלפֿן). 12. (אַ מאָל איז געווען אַ מלך)+(ער האָט געהאַט דרײַ זין). 13. (זיי זײַנען זייער אָרעם)+(עס קלעקט ניט דאָס געלט וואָס זיי פֿאַרדינען). 14. (דו האָסט שוין געענדיקט)+(וואָס וועסטו טאָן?). 15. (ער האָט דיך עפּעס געפֿרעגט)+(דו האָסט אים געענטפֿערט?).

C. Put the predicate adjectives into the appropriate inflected forms:

1. דער פּעדלער איז אַלט. 2. די שיף איז גרויס. 3. דער טיש איז ברוין. 4. די ביכער זײַנען נײַ. 5. דאָס קינד איז קליין. 6. דער ייִד איז פֿרום. 7. דאָס מיידל איז שיין. 8. דאָס לאַנד איז זייער רײַך. 9. דער יום־טובֿ איז פֿריילעך. 10. די צײַטן זײַנען שלעכט.

D. Translate into Yiddish:

1. I am warm now. 2. The boys say that it is cold. 3. Dovid feels good (*same construction*). 4. Dovid is good. 5. The day is warm. 6. The room is warm and the children are warm. 7. I feel gay because it is such a gay holiday. 8. The girl feels bad.

E. Translate into Yiddish:

1. We were all tailors in a small town. 2. When we came to America we were poor. 3. (So) we began to work. 4. Then my uncle and aunt also came to the United States. 5. We sent them money, so they came soon. 6. (The) times were very bad. 7. When people could no longer (שוין ניט) come to the United States, many went to Canada and to Mexico. 8. Many people remained in Europe. 9. Whom are you waiting for? (=For whom . . .) 10. I am waiting for Rivke. 11. She has (already) come. 12. Rokhl, have you met (=become acquainted with) Mr. Kuperman? 13. No, I have seen him, but I did not know his name (=how he is called). 14. Mr. Kuperman, meet (=get acquainted with) my friend Rokhl. 15. How do you do, Rokhl? 16. Glad to know you (זייער אַ'נגעלייגט), Mr. Kuperman.

F. Translate into Yiddish:

### JEWISH PEDDLERS IN AMERICA

1. Many Jewish immigrants became peddlers when they came to America. 2. Many American peddlers were Jews.

3. They were very important (וויכטיק) in the days of the pioneers (פּיאָנירן). 4. The peddlers followed (=went after) the pioneers and sold them everything (which) they needed. 5. Many books tell us that the pioneers bought things from Jewish peddlers when there were no towns yet, and no stores. 6. Often Jews had the first stores in a city or town. 7. Many Jewish peddlers bought stores when they had made a little money (=got ahead a little). 8. In the large seaports (פּאָרטשטעט) there were many Jewish wholesale traders (הורטהענדלערס). 9. First they traded (געהאַנדלט) with other countries. 10. Afterwards there were many new stores in the new towns (=cities) of this country; (then) many of the wholesale traders began to trade in this country. 11. Many large cities, as St. Louis, New Orleans, Cincinnati, Louisville, and Chicago became Jewish centers (צענטערס). 12. (The) American literature (ליטעראַטור) which deals with (=writes about) the pioneers also writes about Jewish peddlers and how important they were. 13. They often linked (האָבן פֿאַרבונדן) the pioneers with the world at large (=the large world). 14. Afterwards, when the great railroads were built, the peddler was not needed so much (אַזוי שטאַרק). 15. Now we know how important peddlers were in (the) American history. 16. For Jewish immigrants, better (בעסערע) times came, because they had already gotten ahead (*past tense*) a little in this country.

## JEWISH IMMIGRATION TO THE UNITED STATES

Yiddish-speaking Jews from Eastern and Central Europe are known to have been in this country as early as in colonial times. But the predominant majority of Yiddish speakers came to the United States from Eastern Europe in the great emigration movement that began in the 1880's and reached its peak before the first World War.

A number of reasons have been given to account for this stream of migration. In Austria-Hungary, which included the province of Galicia with its large Jewish population, the poverty and shortage of economic opportunities among the Jewish population had reached serious proportions. In Russia, the unfortunate economic position of the Jews was worsened by bloody pogroms, encouraged by the

government, in many cities and towns. Political oppression, especially strong in the reactionary periods of the 1880's and after the abortive revolution of 1905, weighed heavily upon the Jews, particularly upon the intelligentsia and the leaders of the growing labor movement. The inequality of the Jews before the law, such as restrictions upon places of residence, exclusion from schools, and other indignities, made the situation even more difficult to endure. Not the least reason for emigration were the oppressive peacetime conscription laws; not only was the draft enforced with prejudice against the Jews, but service itself was a tremendous hardship on religious Jews, since no consideration was given to their religious requirements. About three million Jewish immigrants came to America from Eastern Europe within forty years.

In 1921, and more severely in 1924, the United States restricted immigration by law. The new restrictive legislation was designed to exclude especially immigrants from Southern and Eastern Europe. The annual number of immigrants was limited by Congress to about 150,000, with a fixed quota allotted to each country in proportion to the number of United States residents of 1890 who were born in that country. The enactment of this law was influenced by certain theories of the superiority of "Nordic" immigrants. Although these theories were soon completely discarded by social scientists, the quota law, with slight modifications, remained in force for another forty years. It hit the East European Jews particularly hard since in 1890 the proportion of immigrants from Eastern Europe had been very small. A prospective immigrant to the U.S. could enter only on the quota of the country in which he was born, regardless of his subsequent domicile or citizenship. Thus, many people the world over were unable to come to the U.S. while the quotas of the "privileged" countries were going unfilled for years.

The legislation of 1965, in full force since July 1, 1968, established a ceiling of 170,000 immigrants annually from the Eastern Hemisphere with the stipulation that in any given year the natives of no one country were to receive more than 20,000 visas. Otherwise, the national origin quotas were eliminated and the applicants are now selected in accordance with a rather involved system based on family relationship to U.S. citizens or resident aliens; on skills and education; and on the status of refugees from political persecution or natural calamities.